# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים

386 | פרשת קרח | תשפ"א

## מאוצרות אמונים

### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

#### אויף וואס האט יעקב געדאווענט?

"וַיִּקַּח קֹרַח בֶּן יִצְהָר בֶּן קְהָת בֶּן לֵוִי" (טז א)

"ולא הזכיר: 'בן יעקב', שבקש רחמים על עצמו שלא יזכר שמו על מחלוקתם" (רש"י, ע"פ תנחומא ד).

מ'דארף פארשטיין: אלע ווייסן דאך אז לוי איז דער זון פון יעקב, איז וואס האט אויפגעטון די תפילה פון יעקב אז זיין נאמען וועט נישט דערמאנט ווערן?

ערקלערט **רבי זלמן סאראצקין**:

יעקב האט נישט געמיינט צו בעטן אז די תורה זאל פארהוילן די פונקט אז קרח איז זיין'ס א אייניקל, נאר ער האט געדאווענט אז קרח זאל זיך נישט באנוצן מיט זיין נאמען אלס א מיטל צו קענען אויספירן זיין ווילן; ווען נישט די בקשה פון יעקב וואלט קרח געקענט טענה'ען מיט א פאפערריי אז מיט זיין מחלוקת מיט משה גייט ער אויף די וועג פון זיין זיידע יעקב, ווייל ער האט זיך אויך געקריגט מיט זיין ברודער עשו אויף די בכורה ווייל ער האט געוואלט האבן די כהונה, אזוי ווי מיר ווייסן אז ביזן אויפשטעלן די משכן האבן די בכורים געטון די עבודה (ב"ר סג יג). ווייל יעקב האט מורא געהאט אפשר דורך די טענה וועט קרח מצליח זיין נאכשלעפן נאך זיך אידן, האט ער געבעטן "שלא יזכר שמו על מחלוקתם".

'אזנים לתורה'

#### נישט פארגעסן דאווענען אויף די גאולה

"וּבִקַּשְׁתֶּם גַּם כְּהֻנָּה" (טז י)

דיווארט "וּבִקַּשְׁתֶּם", ערשיינט אין תנ"ך דריי מאל: א. אין אונזער פסוק, ב. אין פרשת ואתחנן (דברים ד כט): "וּבִקַּשְׁתֶּם מִשָּׁם אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ וּמָצָאתָ כִּי תִדְרְשֶׁנּוּ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשֶׁךָ", ג. אין די ווערטער פון דער נביא (ירמיהו כט יג): "וּבִקַּשְׁתֶּם אֹתִי וּמְצָאתֶם כִּי תִדְרְשֻׁנִי בְּכָל לְבַבְכֶם" (ראה 'בעל הטורים'). די קשר צווישן די דריי פסוקים האט ערקלערט **רבי משה לייב ליטש רויזנבוים** פון די פרעשבורגער דיינים:

דער פסוק: "וּבִקַּשְׁתֶּם מִשָּׁם אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ וּמָצָאתָ..." רעדט אויף די תקופה וואס די אידישע קינדער וועלן זיין אין גלות צווישן די פעלקער, וואס אין לויף פון די תקופה וועלן זיי זוכה זיין פון צייט צו צייט צו אביסל מנוחה פון זייערע צרות. אבער, ווייל די טבע פון א מענטש איז צו פארגעסן פונעם אויבערשטן ווען עס גייט אים גוט, דעריבער ווארנט זיי אן דער פסוק: "וּבִקַּשְׁתֶּם אֹתִי", אויך אין די תקופה זאלן זיי נישט פארגעסן חלילה דעם באשעפער וואס געבט זיי דעם כח צו מצליח זיין. אויסער דעם: "וּבִקַּשְׁתֶּם גַּם כְּהֻנָּה" - זיי זאלן נישט פארגעסן פון די בית המקדש וואס איז פוסט און וויסט פון די עבודה פון די כהנים, נאר שטענדיג זאלן ענק דאווענען אויפן בנין בית המקדש און די כהנים זאלן זיך שוין צוריק קערן טון זייער עבודה.

'אמרות ה"

#### חסד ואמן נפגשו

"וַיֹּצֵא מֹשֶׁה אֶת כָּל הַמַּטֹּת מִלִּפְנֵי ה' אֶל כָּל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיִּרְאוּ וַיִּקְחוּ אִישׁ מַטֵּהוּ" (יז כד)

פארוואס האט די תורה געדארפט שרייבן אז יעדער איינער פון די נשיאים האט גענומען זיין שטעקן?

**רבי אברהם ברוך טולידאנו** פון די דיינים אין מקנס אין מאראקא האט ערקלערט אז מיט דעם האט די תורה געוואלט משבח זיין די נשיאים, אז דערנאך וואס פון הימל האט מען געוויזן אז אהרן איז אויסדערוועלט צו זיין דער כהן האבן זיי מקבל געווען דעם דין באהבה, און וועגן דעם האט יעדער גענומען זיין שטעקן, ווייזן אז נישט זיי האט השי"ת אויסדערוועלט נאר אהרן.

און האט צו דעם מוסיף געווען: דער שבח קען אויך געזאגט ווערן אויף יעדער וואס ענטפערט אמן נאך א ברכה פון א חבר, ווייל מיט דעם ווייזט ער אז ער גלייבט אז די ברכה פון זיין חבר איז געזאגט געווארן ווי עס דארף צו זיין און עס איז חשוב ס'זאל אויפטון. דעריבער זאגן די חכמים (ברכות נג ב): "גדול העונה אמן יותר מן המברך"; דער מברך האט נאר די שכר פון זאגן די ברכה, אבער דער וואס ענטפערט אמן, אויסער די שכר פון ענטפערן 'אמן', איז ער אויך זוכה אויף שכר אויף דעם וואס ער האלט טייער און חשוב די ברכה פון א צווייטן.

'אמרי ברוך'

#### די עבודה פון כהונה ביי יעדן איד

"וּבִקַּשְׁתֶּם גַּם כְּהֻנָּה" (טז י)

דער **רבי ר' בונים פון פשיסחא** האט ערקלערט, די סיבה פארוואס קרח האט אנגעהויבן די מחלוקת מיט משה און געפאדערט צו זיין דער כהן גדול, איז געווען ווייל ער האט געגלוסט צו דאווענען אין קודש הקדשים. אבער עס איז פון אים פארהוילן געווארן אז אויך דער וואס איז נישט א כהן גדול קען דורך זיין דאווענען אין יעדע פלאץ אנקומען צו די מדריגה פון די תפילה פונעם כהן גדול אין קודש הקדשים, און ממילא האט נישט אויסגעפעלט די מחלוקת.

אין דעם ענין איז באקאנט די טייטש פונעם **קאזניצער מגיד** אויף די מעשה וואס ווערט געברענגט אין די ברייתא (יומא עא ב) אז ווען דער כהן גדול וואס האט געטון די עבודה אין די צייטן פון שמעיה ואבטליון האט מקנא געווען דעם גרויסן כבוד וואס זיי האבן געהאט און האט זיי אנגערופן מיט א פארשעמטן טיטול: "בני עממין" [קינדער פון די פעלקער] זייענדיג ממשפחת גרים, האבן אים שמעיה ואבטליון געענטפערט: "ייתון [זאלן קומען] בני עממין לשלם [צו פרידן], דעבדין עובדא [וואס טון די מעשים] דאהרן". האט דער מגיד געטייטש אז מיט דעם האבן זיי געמיינט צו זאגן אז ער זאל זיך נישט גרויס האלטן מיט דעם וואס ער איז דער כהן גדול, ווייל די "בני עממין" זיי זענען די "דעבדין עובדא דאהרן" - וואס האבן אויפגעטון דורך זייער עבודה צו קענען מעלה זיין זיין תפילה צו די מדריגה עס זאל קענען ווערן אנגענומען אין קודש הקדשים.

שפתי צדיק' אות ח; 'עבודת ישראל' יום הכפורים'

#### משה און אהרן האבן געדאווענט אין דער 'רגע' פון כעס

"וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן לֵאמֹר; הִבָּדְלוּ מִתּוֹךְ הָעֵדָה הַזֹּאת וַאֲכַלֶּה אֹתָם כְּרָגַע; וַיִּפְּלוּ עַל פְּנֵיהֶם וַיֹּאמְרוּ..." (טז כ-כב)

מ'דארף פארשטיין: געוועגליך דער לשון "וַיְדַבֵּר ה'... לֵאמֹר" קומט ווי הקדמה אויף א ציווי וואס משה און אהרן האבן באקומען איבערגעבן פאר די אידן. לכאורה דא זענען זיי נישט באפוילן געווארן צו זאגן עפעס פאר די אידן, איז פארוואס כאפט אן דער פסוק אזא לשון?

ערקלערט דער **מהרא"ל צינץ**:

די חכמים זאגן (ברכות ז א) אז יעדן טאג איז דער אייבערשטער בכעס אין לויף פון איין 'רגע'. דעריבער האט ער באפוילן פאר משה און אהרן מיט דעם לשון: "לאמר"; ד.מ.: אויב ווילן ענק דאווענען אויף די אידן, זאלן ענק עס שוין יעצט טון, ווייל די 'רגע' וואס ה' גרייט זיך צו רעגן גייט שוין קומען, און אויב ענק וועלן יעצט נישט דאווענען, דעמאלטס: "וַאֲכַלֶּה אֹתָם כְּרָגַע" חלילה. משה און אהרן האבן דערהערט די כוונה פון ה' און האבן באלד געדאווענט, און ווייל זיי האבן געדאווענט אין דער 'רגע' פון די כעס, זענען די אידן געראטעוועט געווארן פון די גזירה.

'מלא העומר'

### "דער וועלט דארף מער נתעורר ווערן..."



מיטוואך ז' תמוז (תשנ"ד) געפאלט אויס די יומא דהלולא פונעם **'לב שמחה' פון גור** זי"ע. אין זיין ספר 'לב שמחה' (פר' כי תבוא) איז ער מעורר זיך צו מחזק זיין מיט ענטפערן אמן, און אזוי זאגט ער:

**"עס שטייט אין מדרש** (דברים רבה ז א)**: 'אין גדול לפני הקדוש ברוך הוא יותר מאמן שישראל עונים'; אפשר דארף די וועלט מער נתעורר ווערן, און וויסן די געוואלדיגע חשיבות און מעלה פון ענטפערן אמן, מ'ווייסט נישט וואס מ'פארמאגט, אזא גרויסע זאך ווי ענטפערן אמן..."."**

**בני אמונים. מיר ווערן נתעורר צו ענטפערן אמן.**

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר פון דאווענען

## דער פיוט 'יגדל' (ט'):
## דער אכטער עיקר - תורה מן השמים

### די גאנצע תורה איז פאר אונז געגעבן מפי הגבורה

דער אכטער עיקר וואס באציט זיך אויף די תורה וואס משה האט אונז געגעבן, קומט ווי א המשך צו דעם פריערדיגן עיקר וואס רעדט איבער די געוואלדיגע גרויסע מדריגה אין נבואה וואס משה רבינו דער אבי הנביאים האט זוכה געווען. די סיבה פארוואס הקב"ה האט אויפגעהויבן משה צו די דערהויבענע מדריגה, איז געווען כדי די תורה זאל איבערגעגעבן ווערן דורך אים פאר די אידן. אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין גמרא (שבת פח ב) אז ווען משה רבינו איז ארויף אין הימל האבן די מלאכים געפרעגט: "מה לילוד אשה בינינו?", ד.מ.: פארוואס האט א ילוד אשה זוכה געווען אנקומען צו די מדריגה? האט הקב"ה זיי געענטפערט: "לקבל תורה בא". (סידור 'דובר שלום' עמ' כ).

דער אכטער עיקר קומט אונז לערנען אונז חיוב צו גלייבן אז די גאנצע תורה הק' וואס מיר האבן היינט האבן מיר באקומען דורך משה רבינו, און עס איז אים געזאגט געווארן פון הקב"ה'ס מויל פונקט מיט דער לשון וואס מיר האבן עס היינט צוטאג, ווייל משה רבינו האט נישט געטוישט אפילו איין ווארט אדער א אות פון די ווערטער וואס ער האט געהערט מפי הגבורה. אזוי אויך דארפן מיר גלייבן אז נישט נאר די פסוקים פון די תורה וואס באפעלן אונז די תרי"ג מצוות, זענען אונז איבערגעגעבן געווארן דורך משה רבינו פונקט אזוי ווי עס איז געזאגט געווארן מפי הגבורה, נאר אויך די פסוקים וואס אין זיי איז נישטא קיין באפעל אדער א מצוה נאר דערציילונגען און שילדערונגען פון פארשידענע געשעהענישן - אלעס איז איבערגעגעבן געווארן פונקטליך אזוי ווי הקב"ה האט עס געזאגט, און משה האט נישט געטוישט אפילו די מינדעסטע ענדערונג. און אזוי שילדערט דאס רמב"ם (פיה"מ סנהדרין הקדמה לפרק י): "משה רבינו איז געווען ווי א סופר, וואס מ'לייגט אים פאר, און ער שרייבט די געשעהענישן פון די אלע יארן, די ערציילונגען און די מצוות".

נאך דארפן מיר גלייבן אז נישט נאר די ווערטער פון די תורה זענען איבערגעגעבן געווארן פאר משה אויפן בארג סיני, נאר אויך די 'מסורה', ד.מ. די וועג וויאזוי מ'דארף זיי שרייבן - מלא אדער חסר. דער וואס גלייבט אז די גאנצע תורה איז מן השמים, אבער ער טענה'עט אז מ'דארף אראפנעמען אדער צולייגן אפילו נאר איין אות, ברענגען די חכמים (סנהדרין צט א) דעם פסוק (במדבר טו לא): "כִּי דְבַר ה' בָּזָה וְאֶת מִצְוָתוֹ הֵפַר הִכָּרֵת תִּכָּרֵת הַנֶּפֶשׁ הַהִוא עֲוֹנָה בָהּ". דער מהר"ל ('חידושי אגדות' שם) ערקלערט אז ווייל א ספר תורה וואס עס פעלט אין דעם איין אות אדער עס איז געשריבן געווארן מער מיט איין אות איז עס פסול, קומט אויס אז דער מענטש וואס וויל אראפנעמען אדער צולייגן אפילו נאר איין אות אין די תורה, איז ער מבזה די גאנצע תורה.

### אויך די תורה שבעל פה איז איבערגעגעבן געווארן מפי הגבורה

נישט נאר די תורה שבכתב איז איבערגעגעבן געווארן פאר משה אויפן בארג סיני, נאר אויך די תורה שבעל פה וואס קומט ערקלערן און טייטשן די תורה שבכתב. אזוי זאגן חז"ל (ירושלמי פאה ב ד): "מקרא, משנה, תלמוד, אגדה, אפילו מה שתלמיד ותיק עתיד להורות לפני רבו - כבר נאמר למשה בסיני". די תורה שבעל פה קען מען נישט אפטיילן פון די תורה שבכתב, ווייל אן דעם קענען מיר נישט וויסן וויאזוי מ'זאל מקיים זיין די מצוות פון די תורה.

דאס האט אינזין געהאט דער מסדר פון

די דרייצן 'אני מאמין'ס' שרייבנדיג דער עיקר מיט דעם לשון: "אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה, שֶׁכָּל הַתּוֹרָה הַמְּצוּיָה עַתָּה בְּיָדֵינוּ הִיא הַנְּתוּנָה לְמשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם". אין די ווערטער "שכל התורה" וויל ער באטאנען אז די גאנצע תורה איז געגעבן געווארן פאר משה אויפן בארג סיני, סיי די חלק שבכתב און סיי די חלק שבעל פה ('מגיד צדק' בסידור 'שער הרחמים').

די סיבה פארוואס איין טייל פון די תורה איז איבערגעגעבן געווארן בכתב און די אנדערע טייל בעל פה, ערקלערן די חכמים (שמו"ר מז א): "בשעה שנגלה הקדוש ברוך הוא בסיני ליתן תורה לישראל, אמרה למשה על הסדר: מקרא ומשנה, תלמוד ואגדה... אמר לפניו: ריבונו של עולם, אכתוב אותה להם. אמר לו איני מבקש ליתנה להם בכתב, מפני שגלוי לפני שעובדי כוכבים עתידים לשלוט בהם, וליטול אותה מהם... אלא המקרא אני נותן להם במכתב, והמשנה והתלמוד והאגדה אני נותן להם על פה, שאם יבואו עובדי כוכבים וישתעבדו בהם יהיו מובדלים מהם".

די ווערטער פון די חכמים איז קלאר פארווירקליכט געווארן אין אונזערע צייטן, אין די צייט וואס די תורה שבכתב געפונט זיך אויך צווישן די גויים, אבער די מעגליכקייט עס צו פארשטיין האבן נאר די אידן, און דאס איז דורך די תורה שבעל פה וואס גייט אריבער פון איין דור צום צווייטן און נאר די אידן ווייסן פון דעם. דאס האט מרמז געווען דער משורר זאגנדיג: "תּוֹרַת אֱמֶת" - די תורה שבכתב, און מיט דעם די תורה שבעל פה, "נָתַן לְעַמּוֹ אֵ-ל", און די פעלקער ווייסן נישט פון דעם (שם).

### דער מקור פון דער עיקר

דער עיקר לערנען מיר זיך ארויס פון דער פסוק וואס משה רבינו האט געזאגט פאר קרח קומענדיג זיך קריגן אויף זיין נבואה (במדבר טז כח): "וַיֹּאמֶר משֶׁה בְּזֹאת תֵּדְעוּן כִּי ה' שְׁלָחַנִי לַעֲשׂוֹת אֵת כָּל הַמַּעֲשִׂים הָאֵלֶּה כִּי לֹא מִלִּבִּי" (רמב"ם שם).

הגרי"ז סאלאווייטשיק פון בריסק האט צו דעם צוגעלייגט: אויסער וואס קרח האט געלייקנט אין דעם זיבעטן עיקר פון די י"ג עיקרי אמונה - אז משה רבינו איז געווען דער אב הנביאים פאר די פון פריער און אויך פאר די וואס וועלן זיי נאך אים - זאגנדיג (במדבר טז ג): "כִּי כָל הָעֵדָה כֻּלָּם קְדֹשִׁים ...וּמַדּוּעַ תִּתְנַשְּׂאוּ עַל קְהַל ה'", האט ער אויך געלייקנט אין דעם אכטן עיקר, אז די תורה וואס מיר האבן איז געגעבן געווארן פאר משה רבינו עליו השלום. אזוי ווי חכמים שילדערן (ירושלמי סנהדרין י א): "קרח אפיקורס היה. מה עשה? עמד ועשה טלית שכולן תכלת, אתא גבי משה אמר ליה: משה רבינו טלית שכולה תכלת מה שתהא חייבת בציצית? אמר לו: חייבת... בית שהוא מלא ספרים, מהו שיהא חייב במזוזה? אמר לו: חייב במזוזה... באותו שעה אמר קרח אין תורה מן השמים ולא משה נביא ולא אהרן כהן גדול".

אויך משה אין זיין ענטפער פאר קרח האט ער אינזין געהאט אקעגן די צוויי זאכן; אקעגן זיין לייקענען אין די נבואה פון משה, האט ער אים געזאגט: "כִּי ה' שְׁלָחַנִי", און אקעגן זיין לייקענען אין 'תורה מן השמים' האט ער צוגעלייגט און געזאגט: "כִּי לֹא מִלִּבִּי".

מיט דעם פארשטייט מען זייער גוט וואס די חז"ל זאגן (ב"ב עד א) אז די קינדער פון קרח וואס זענען איינגעשלינגען געווארן אין די ערד רופן אויס יעדן טאג נעבן די טיר פון גהינם: "משה אמת ותורתו אמת", ווייל מיט דעם טון זיי מודה זיין אין די אמת'דיגקייט פון די צוויי עיקרי אמונה וואס זייערע עלטערן האבן געלייקנט ('ישורון' כרך י עמ' רחצ).

**תּוֹרַת אֱמֶת** - די תורה שבכתב, און מיט דעם אויך די תורה שבעל פה האט ער **נָתַן** [נאר] **לְעַמּוֹ** און די אנדערע פעלקער האבן נישט קיין שייכות צו דעם, אלעס האט דער **א-ל** געגעבן נאר פאר זיין פאלק די אידן, **עַל יַד נְבִיאוֹ נֶאֱמַן בֵּיתוֹ** - משה רבינו, וואס האט גארנישט צוגעלייגט פון זיך.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג אויף אמן און תפילה

## א תפילה וואס האט געטוישט די רעזולטאטן

די פאלגנדע ערציילונג איז פארעפנטליכט דורך א אידישע מאמע, וואס האט זוכה געווען צו פילן אויף א וואונדערליכן אופן דעם ספעציעלן כח התפילה צורייסן שלעכטע גזירות און איבערדרייען די מדת הדין אויף מדת הרחמים, אט איז דא פאר אייך די ערציילונג. לייענט און שטארקט זיך:

"דאס איז געווען אינמיטן חודש אלול. מיין זון גבריאל, וואס אלע האבן אים גערופן 'גבי', א באַחנ'טער און לעבעדיגער קינד, איז צוריק פון תלמוד תורה און זיך אפגערעדט אז עס טוט אים וויי די בויך.

'וואס האסטו געגעסן?', האב איך אים געפרעגט ספאנטאניש, 'קיין שום עקסטערע זאך', האט ער געענטפערט. 'אפשר איז עפעס אריבער אויף דיר אין תלמוד תורה?', האב איך פארגעזעצט צו פרעגן, און ער איז שיער באליידיגט געווארן; 'גארנישט, עס טוט מיר וויי די בויך'.

'דו ביזסט זיכער אנגעצויגן!', האב איך באשלאסן גלייכגילטיג. נעכטן האט מען אנגעהויבן רעדן אין כיתה אויף די טעמע פון די ישיבות, אפשר האט די אנגעצויגנקייט געווירקט. אבער דאס מאל איז גבי ממש געטשעפעט געווארן; 'מאמי', עס איז נישט קיין אנגעצויגנקייט, איך גדענקט נישט קיינמאל אז די בויך זאל מיר אזוי וויי טון!' - האט ער געזאגט, און אינמיטן רעדן איז ער אראפגעפאלן אויף די סאפע אן קיין כח. נאר דעמאלטס האב איך געגעבן א בליק אויף דעם; א שטארקע בלאסקייט האט פארדעקט זיין געזיכט און זיין אטעם האט זיך געהערט זייער שווער. דער קינד איז גערעכט געווען ער האט אויסגעזען שרעקליך.

גבי איז איינגעשלאפן געווארן אויף די סאפע, און איך האב זיך בארואיגט עס האנדלט זיכער פון א גרינגער ווירוס וואס וועט שנעל אריבערגיין. אבער ביינאכט האט ער זיך ערוועקט ווען ער פיבערט אינגאנצן. איך האב אים אנגעטראגן א מעדיצין זאל אפשטילן זיינע ווייטאגן, זיין ווייטאג האט זיך בארואיגט אבער ביז א קורצע צייט האט זיך עס באנייט און אפילו שטערקער.

ארום צוויי טעג האבן מיר זיך 'געוואלגערט' אין דער מצב ווען גבי איז נישט מסוגל געווען צו עסן, און כמעט אויך נישט געטרינקען. דעם דריטן טאג האט ער אנגעהויבן שפייען בלוט, און מיר האבן אנגעהויבן ווערן דערפרעסט. איך בין געלאפן מיט אים צו די 'קופת חולים', און דער דאקטער האט שנעל אפגעדרוקט א אפליקעשן פאר די שפיטאל און אונז צוגעאיילט מיר זאלן זיך שנעל ווענדן צו די עמערדזשענסי רום (חדר מיון).

ווען מיר זענען ארויס פון די 'קופת חולים' געביידע האב איך אים שוין געמוזט אונטערהאלטן ער זאל נישט אראפפאלן, די אנגעצויגנקייט האט זיך דערקענט אויף אים. מיר האבן אפגעשטעלט א טעקסי און מיר האבן זיך געאיילט אין שפיטאל אריין ווען אויפן וועג טוה איך זיך פארבינדן צו די ישיבה וואו מיין מאן איז דארט מלמד און איך דערצייל אים אלעס, און איך אייל אים צו ער זאל אונז שנעל נאכקומען.

אנקומענדיג אין שפיטאל, האט ער קוים מצליח געווען צו קענען גיין ביז די נאנטסטע ליידיגע בעט, און אן צו פרעגן קיינעם איז ער אויף דעם אראפגעפאלן אינגאנצן אפגעשוואכט. פאר דער וואס ווייסט, אין עמערדזשענסי רום (חדר מיון) שטעלט זיך אפ די זייגער פון צו גיין; די ערשטע דריי-פערטל שעה זענען מיר פארנומען געווען אנפילן אלע פאפירן און קיינער האט נישט געקוקט אויף אונזער ריכטונג. נאר ארום א שעה פון ווען מיר זענען דארט אנגעקומען, דערנאך וואס גבי האט אנגעהויבן שרייען פון שמערצן איז איינער פון די דאקטורים געקומען אים אונטערזוכן.

נאך א אויסערליכע אונטערזוכונג איז גבי געשיקט געווארן צו א סעריע פון בדיקות. עס אריבער אויף אונז א אפגעמוטשעטן טאג און ביינאכט האבן די דאקטורים נאכנישט מצליח געווען צו זאגן א קלארע אפשאצונג. גבי איז אפגעפירט צו א אפטיילונג ווארטנדיג אויף נאך פארשידענע בדיקות וואס ער וועט מארגן אריבערגיין, און מיר האבן געמוזט אדורכפירן די נאכט נעבן אים. אינדערפריה איז ער אריבער נאך בדיקות וואס אויף זייערע רעזולטאטן דארף מען ווארטן עטליכע טעג און ביז דעמאלטס דארף ער זיך אויפהאלטן אין שפיטאל.

דאס איז געווען אינמיטן די סליחות-טעג. מיין מאן איז געפארן קיין בני ברק בעטן א ברכה פון זיין רבי, איינער פון די גאוני און צדיקי הדור. אין תלמוד תורה האט מען אנגעהויבן זאגן תהילים אויף די רפואה פון גבי, און איך האב נישט געקענט אפילו טראכטן פון די הכנות אויף די ימים טובים וואס דערנענטערן זיך. איך האב זיך אינגאנצן איבערגעגעבן אויף איין ציל - גרינגער מאכן דאס ליידן פונעם קינד.

דעם דריטן נאכט איז מיין מאן געקומען זיין נעבן די בעט פון גבי. נאך פיר טעג זיין אויסערן שטוב האב איך זיך צוריק געקערט אהיים כדי צו קענען אויפפרישן די כוחות. אויפצומארגנ'ס נאכן ארויסשיקן די קינדער צו די מוסדות החינוך, האב איך זיך געווענדן מסדר זיין די שטוב און אנהייבן קאכן אויף יו"ט, און נאר דעמאלטס האט זיך געמאכט צייט צו טון וואס א איד דארף טון אין אזא מצב - דאווענען. איך האב געדאווענט אינמיטן איינארדענען די שטוב, איך האב געדאווענט אינמיטן שפאנדזשען, איך האב געדאווענט אינמיטן שיילן די גרינצייג און זיי אפקאכן. איך האב א גאנצע צייט איבערגעזאגט די קאפיטלעך תהילים וואס איך האב געדענקט ווען אינצווישן לייג איך צו אייגענע ווערטער פון טיפן הארץ.

נאכמיטאג האב איך זיך צוריק געקערט אין שפיטאל כדי צו הערן די ענטפער'ס פון די בדיקות. אבער די ענטפער'ס האבן אויף גארנישט געוויזן, און די דאקטורים האבן נישט געהאט קיין אנדערע וועג נאר אונז שיקן אויף א בייאפסי (ביופסיה) אונטערזוכונג. עס איז מיר אריבער אסקורך נאר הערנדיג דיווארט אליין. דאס איז א שווערע און ווייטאגליכע בדיקה. אין אונזער פאל איז קלאר געווען אז מיר זענען געשיקט געווארן צו טון די בדיקה ווייל די דאקטורים האבן מורא געהאט פונעם ארגסטן רח"ל.

אין דער טאג וואס מ'האט געדארפט אדורכפירן די בדיקה בין אין פריה אויפגעשטאנען און געגאנגען אין ווייבער שול צו זאגן סליחות בציבור. דער מנין איז געווען צוזאמגעשטעלט פון קראנקע, דאקטורים און אויך פאמיליע מיטגלידער, יעדער מיט זיינע פראבלעמען, און די אטמאספער איז געווען צוגעפאסט. אין לויף פון די דאווענען האב איך געוויינט אזוי ווי איך האב קיינמאל פון פריער נישט געוויינט.

א צייט שפעטער האט מען איינגעשלעפט גבי'ן, און דער דאקטער האט ארויסגענומען פון זיינע קישקעס פארשידענע טיילן דורך א ספעציעלע מאשין, און יעצט איז פאר אונז איבערגעבליבן נאר צו ווארטן אומגעדולדיג צו די רעזולטאטן פון די בדיקה.

ערב ראש השנה זענען מיר גערופן צום דאקטער'ס צימער. ער האט פרובירט עס זאל זיך גארנישט דערקענען אויף זיין געזיכט, אבער אין מיין הארץ האב איך שוין פארשטאנען אז א גוטע בשורה טובה האט ער נישט צו פארציילן. 'גבי האב א געוואוקס אין די קישקעס' - האט דער דאקטער געזאגט מיט אראפגעלאזטע אויגן, און איך האב געשפירט ווי דער גאנצער צימער דרייט זיך ארום מיר. די פארזעצונג פון זיינע ווערטער האב איך נישט געקענט הערן. איך האב געפילט אז דער וועלט איז חרוב געווארן.

מיט זענען ארויס פון צימער מיט וואקלדיגע טריט. אינדרויסן האט מיין מאן פרובירט מיך מחזק זיין מיט אמונה, ווען ער דערציילט מיר די פרטים וואס איך האב נישט געוואוסט: 'דער דאקטער האט געזאגט אז צו אונזער מזל האט מען עס באמערקט גאנץ פריה, און וועגן דעם זענען געבט ער זייער גרויסע שאנסן אויסגעהיילט ווערן'.

די ווערטער האט מיך נישט בארואיגט. איך האב געקענט פלאצן נאר פון טראכטן אויף די לאנגע און שווערע וועג וואס מיר וועלן דארפן אריבערגיין ביז צו די גאנצע ערהוילונג וואס וועט אנקומען מיט סייעתא דשמיא. איך האב געוויינט אן א אויפהער.

'מארגן איז דער יום הדין', האט מיין מאן מיר דערמאנט, 'מארגן וועט הקדוש ברוך הוא באשטימען די גורל פון אלע מענטשן און גבי צווישן זיי. וואס ער וועט מחליט זיין קען דער גרעסטער דאקטער נישט וויסן. מיר דארפן זיך מחזק זיין און דאווענען, און אין די זעלבע צייט גלייבן אז אונזער פאטער דער אב הרחמן טוט דאס בעסטע פאר אונז'.

די טעג פון ראש השנה האבן מיר פארברענגט אין שפיטאל. מיר האבן צושפרייט די קינדער צווישן אונזערע קרובים. מיר האבן באשלאסן אז ביז נאך די ימים טובים וועלן מיר נישט מיטטיילן אנדערע מיט די שווערע בשורה וואס איז ארויפגעפאלן אויף אונז. עס איז גענוג די פיין וואס מיר גייען אריבער, און פארוואס זאלן מיר צושטערן די פרייד פון אנדערע.

אין לויף פון די עשרת ימי תשובה האב איך געפילט ממש ווי די בינונים וואס זייער לעבן איז תלוי ועומד צווישן ראש השנה און יום כיפור. איך האב אויסגענוצט יעדע מינוט אויף תפילה און התחזקות. איך האב אויך געבעטן פון די אנדערע משפחה מיטגלידער זיי זאלן דאווענען און זיך אונטערנעמען קבלות טובות אויף די רפואה פון גבי.

מוצאי שבת שובה זענען מיר ווידער גערופן געווארן צו די צימער פונעם דאקטער. אין אנהויב האט דער דאקטער אויסגעשמועסט די פלאן פון די באהאנדלונג וואס ער האט שוין אנגעיאגט אנגרייטן אויף די קומענדיגע חדשים, און אין ענדע האט ער אונז מיטגעטיילט מיט זיינע געדאנקען: 'עס האבן זיך ערוועקט אין מיר פארשידענע צווייפלונגען איבער די בדיקה וואס ענקער זון איז אריבער. זייער זעלטן קען פאסירן אז צוליב טעכנישע פראבלעמען צייגט נישט די בדיקה די ריכטיגע פאקט. בעפאר מיר וועלן אנהייבן די געפלאנטע באהאנדלונג וויל איך אייך אנטראגן מ'זאל מאכן נאך א בדיקה וואס וועט אויסקלארן די בילד'.

מיין מאן האט זיך פארבינדן מיט זיין רבי'ן און ער האט צוגעשטימט צו די ווערטער פונעם דאקטער. די בדיקה איז געווען געפלאנט אויפצומארגנ'ס פון יום כיפור און מיר האבן געפילט אז מיר האבן באקומען נאך א געלעגנהייט. מיר האבן ווידער אריינגעלייגט אלע אונזערע כוחות אין דאווענען. איבערהויפט יום הקדוש האבן מיר געוויינט און געדאווענט אז ה' זאל צורייסן די שלעכטע גזירה.

צווישן יום כיפור און סוכות האב איך געפילט אז עפעס א גוטע זאך געשעהט דא; די היץ איז אראפ פאר גבי און די בויך-ווייטאגן זענען אפגעשוואכט געווארן. די דאקטורים זענען נישט געווארן אזוי רואיג אזוי ווי איך בין געווארן. זיי האבן געווארט אויף די ענטפער'ס פון די בדיקה.

צוויי טעג נאך יום כיפור האב איך געדרימלט אויף די קאנאפע נעבן די בעט פון גבי, און פלוצלינג קומט אריין דער דאקטער און געבעטן איך זאל שוין רופן מיין מאן. אין יענע צייט איז מיין מאן געווען פארטיפט אין לערנען אין די דערנעבנדיגן שול, איך האב אים מיט שרעק שנעל גערופן און צוזאמען זענען מיר אריין צום דאקטער אין זיין צימער.

דער דאקטער וואס האט באמערקט אונזער שרעק האט נישט געווארט א מינוט, און ווי געשאסן זיינע ווערטער איינס נאכן צווייטן: 'שוין פאר צוויי טעג האבן מיר פארשטאנען אז דאס איז דער ענטפער, אבער מיר האבן עס נישט געוואלט דערציילן בעפאר מיר האבן באקומען די ענדגילטיגע קלארע ענטפער'ס. אזאנ'ס פאסירט נישט אסאך אין אונזער פאך, אבער דאס מאל האט עס פאסירט; די צווייטע בדיקה ווייזט אז דער קינד האט נישט קיין געוואוקס. מיר האבן נישט קיין אנונג וואס האט צוגעברענגט צו אזא טעות, אבער למעשה איז די געוואוקס פארשווינדן געווארן. ענק האבן זוכה געווען צו א נייע קינד במתנה...'.

די פארזעצונג פון זיינע ווערטער וואס האבן ענהאלטן אין זיך פארשידענע ערקלערונגען וויאזוי איז געשען אזא טעות א.ד.ג., האבן מיר שוין נישט געהערט. מיר זענען ארויס פון די צימער פון דער דאקטער ווען מיר פילן וויאזוי עס איז אראפ פון אונזער רוקן א לאסט פון עטליכע טאן. עס איז געווען א אפענער נס. מיר האבן געפילט אז הקב"ה האט אונז גערופן מיר זאלן זיך דערנענטערן צו אים, און ווען מיר האבן זוכה געווען צו הערן די רוף און זיך דערנענטערן צו אים מיט תפילות און מעשים טובים, האט זיך די צרה אפגעטון פון אונז".

'דברי ישועה ונחמה' עמ' לו

עיצובים shay

"בני אמונים" ת.ד. 102 בני ברק | פקס. 08-9746102 | מייל. 9139191@gmail.com | ניתן לקבל עלון זה במייל מידי שבוע